1) בײַם גבֿר: עס שפּילט זיך אָפּ אַ שײנע קאָמעדיע
2) טײַטשפּערע זאַכן
3) ליטעראַטור ← לעבן
ליטעראַ תורה

# אײַזיק מאיר דיק

לעבן לייבוש קאַמינסקיס הויז האָבן זיך געזאַמלט מענטשן, קרעמערס, בעלי־מלאכות, שיינע ייִדן, און דער עיקר ווײַבער. ווײַבער יונגע און אַלטע. אַזוינע, וואָס האָבן שוין אָפּגעקינדלט און אַזוינע, וואָס גרייטן זיך ערשט צו קינדלען. מען האָט גערעדט, געמאַכט מיט די הענט און געטײַטלט מיט די פינגער צו די פענצטער, פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ געוויין, אַ יאָמער.

— אַ מויד האָט זיך אײַנגעעקשנט און ניין און ניין און ניין, — האָט געזאָגט אַן עלטערע ייִדענע אין אַ שייטל. — טאַטע־מאַמע ווילן זי פאַרזאָרגן, גיבן איר אַ נדן, אויף אַלע ייִדישע טעכטער געזאָגט געוואָרן, דער חתן איז אַ צאַצקע, אַ בן־תורה, אַ שאַרפער מוח, הלואי באַשערט מיר דער אויבערשטער אַזאַ מציאה פאַר מײַן טאָכטער. גלויבט מיר, איך וואָלט געטאַנצט אין די גאַסן פאַר שמחה.

— הלמאי לאָמיר זאָגן? — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטע ייִדענע, — שולדיק זענען טאַטע־מאַמע. זיי האָבן איר תמיד נאָכגעגעבן, דער בת־יחידה, זיך געצאַצקעט מיט איר, — טעכטערל, אפשר דאָס, אפשר יענץ? — איצט מיינט זי, אַז זי וועט פועלן. זי האָט זיך אײַנגעעקשנט און וויל נישט דעם חתן, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אויסגעקליבן, זי וויינט, שרײַט חלשט, און דאָ איז פאַר דער חתונה — אַ שיינע קאָמעדיע, כ'לעבן.

— אַ משוגענע וועלט געוואָרן, — האָט געזאָגט אַן עלטערער ייִד צו אַ צווייטן. — די אייער ווילן זײַן קליגער פאַר די הינער. ביי די הײַנטיקע קינדער האָבן טאַטע־מאַמע די ווערט אָט אַזוי פיל.

דער ייִד האָט אָפּגעמאָסטן אויפן פינגער, וואָס דאָס האָט באַדאַרפט צו הייסן: גאָרנישט.

— איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, ר' חיים, אין דעם אַלעם זענען שולדיק די מעשה־ביכלעך מען וואָלט זיי באַדאַרפט פאַרברענען, אָט די מעשה־ביכלעך, אויפן פײַער. קוים באַווײַזט זיך דער פּאַקן־טרעגער, ווערט אַ בהלה אין שטוב, מען כאַפּט זיך צו צו זיי ווי צו מצה־וואַסער. די ווײַבער לעקן ממש די פינגער פון אָט די אויסטראַכטעניישן און די טעכטער מיינען, אַז אַלצדינג, וואָס שטייט דאָרטן, איז תורת־משה, אַז מען דאַרף אַלצדינג נאָכטאָן, פונקט, ווי ס'שטייט דאָרט געשריבן. אָבער מיטן אַקוראַט.

— נאָדיר אַ סדרה מעשה־ביכלעך, — האָט אָפּגעפּאָנפעט אַן אַנדערער ייִד אונטער דער נאָז. — איך בין אַ מאָל געווען אַ בעלן צו זען, וואָס ס'שטייט געשריבן אין אָט די מעשה־ביכלעך — האָב איך אָנגעטאָן די שפּאַקולן, פאַרשטייט איר מיך, און אַרײַנגעקוקט אין אַזאַ מעשה־ביכל. אויב כ'האָב קיין טעות נישט,



פּרוּוון: שולדיק זענען טאַטע־מאַמע
ממנה: " די מעשה־ביכלער

איז אויפן שער־בלעטל געווו
אַ היגער, אַ ווילנער הייסט ע
— נו, נו, — האָט נײַג
דערוווּסט פון דעם מעשה־בי
— עפּעס אַ מעשה מיט
ערשטער. — הלמאי לאָמיך
און שפּיציק, ווי ס'שטייט אַ
איך נישט, אָבער איין זאַך
די נײַע פייגל ,וואָס האַלטן,
אויסבילדעווען, מאַכן מיט
הייסט בײַ דעם מין שרײַבערק
— איך האָב ליב, אַז יי
פּלוצעם אָנגערופן איינער
איינער פון יענע פייגל —
אַרײַנגעקוקט. אַן ערך פון ה
וואָס התמעט זיך אמ"ד און
מעשה־ביכלעך זענען נישט
נישט געפלויגן — נאָר בײַ
לעבן מיטן אַקוראַט, זענען אי
פון וועלטזאַכן. אמת, זיי לאָ
וואָס מיר ייִדן האַלטן זיך
באַרג סיני. כ'לעבן, ס'וואָלט
ייִדן מיט בערד זאָלן אַרײַנקו
ווערן, אַז נישט אויף יענער
בעט איבער אײַער כבוד, ליג
זיסערס איז נישטאָ.
ייִדן האָבן זיך איבערגעק
ר' שלומקע אפּיקורס. אַ בע
ספרימלעך, וואָס גייען אַרויס
אים געענטפערט, און נאָך ווי
האָט אַלעמען צעטרייסלט און
שמועס.
אין לייבוש קאַמינסקיס
לייבוש קאַמינסקי, האָט געשו
די אשה צנועה פּערעלע, האָט
איבערמאַרגן וועט זי זיך נאָ

איז אויפן שער־בלעטל געווען אָנגעגעבן אַ געוויסער אמ״ד. ער זאָל זײַן טאַקע אַ היגער, אַ ווילנער הייסט עס, דער מחבר.

— נו, נו, — האָט נײַגעריק געפרעגט אַ צווייטער, — וואָס האָט איר זיך דערוווּסט פון דעם מעשה־ביכל? טשעקאַווע צו הערן.

— עפּעס אַ מעשה מיט אַ פּאַרליבעניש, — האָט אים אָפּגעענטפערט דער ערשטער. — הלמאי לאָמיך זאָגן, ס'איז געווען זייער קונציק געשריבן, וויציק און שפּיציק, ווי ס'שטייט אויפן שער־בלאַט. די מעשה מיטן אַקוראַט געדענק איך נישט, אָבער איין זאַך בין איך געוווירער געוואָרן: אַז דער מחבר איז פון די נײַע פייגל, וואָס האַלטן, אַז ייִדן זענען אָפּגעשטאַנען, מען דאַרף זיי אַ ביסל אויסבילדעווען, מאַכן מיט לײַטן גלײַך. איר ווייסט שוין, מסתּמא, וואָס דאָס הייסט בײַ דעם מין שרײַבערלעך: מיט לײַטן גלײַך.

— איך האָב ליב, אַז ייִדן רעדן סתּם אין דער וועלט אַרײַן, — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן איינער פון דער עדה, — מעשה־ביכלעך, פּאַרליבעניש, איינער פון יענע פייגל — איך, מײַנע ליבע ייִדן, האָב געלייענט, נישט נאָר אַרײַנגעקוקט. אַן ערך פון הונדערט מעשה־ביכלעך פון דעם דאָזיקן שרײַבער, וואָס חתמעט זיך אמ״ד און הייסן הייסט ער אײַזיק מאיר דיק. די דאָזיקע מעשה־ביכלעך זענען נישט קיין סתּם אויסטראַכטענישן — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן — נאָר ביכלעך, וואָס האָבן אַ מיין. זיי מאָלן דאָס ייִדישע לעבן מיטן אַקוראַט, זענען אויסן צו בילדן דעם פּראָסטן מענטש, אים דערציילן פון וועלטזאַכן. אמת, זיי לאַכן אָפּ פון דעם מין יחוס און אַנדערע נאַרישקייטן, וואָס מיר ייִדן האַלטן זיך נאָך מיט זיי, גלײַך זיי וואָלטן געשטאַמט פונעם באַרג סיני. כ'לעבן, ס'וואָלט נישט געשאַדט, אַז נישט נאָר ווײַבער, נאָר אַפילו ייִדן מיט בערד זאָלן אַרײַנקוקן אין די דאָזיקע מעשה־ביכלעך. זיי וועלן געוווירער ווערן, אַז נישט אויף יענער זײַט מיל ענדיקט זיך די וועלט, און אַז זיי, איך בעט איבער אײַער כבוד, ליגן ווי דער וואָרעם אין כריין און מיינען, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ.

ייִדן האָבן זיך איבערגעקוקט; ווער איז דאָס דער חכם עתּיק? אַהאַ, ס'איז ר' שלומקע אַפּיקורס. אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו די נײַע ספרימלעך, וואָס גייען אַרויס אויף עברי־טײַטש. זיי, די פרומע ייִדן, וואָלטן אים געענטפערט, און נאָך ווי אַזוי געענטפערט, ווען נישט אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אַלעמען צעטרייסלט און געמאַכט פאַרגעסן אין דעם ביז נאָר וואָס געפירטן שמועס.

אין לייבוש קאַמינסקיס שטוב האָבן זיך איבערגעשריגן קולות. ער, רב לייבוש קאַמינסקי, האָט געשריגן: „ס'וועט זײַן אַזוי ווי איך וויל". זײַן ווײַב, די אשה צנועה פּערעלע, האָט זיך געבעטן: „נאָר נישט מיט כּעס, לייבוש, ביז איבערמאָרגן וועט זי זיך נאָך איבערטראַכטן. זי איז אַ געטרײַע טאָכטער און

די בת-יחידה: ליטעראַטור = לעבן



וועט טאָן וואָס טאַטע־מאַמע וועט הייסן"...

די טאָכטער האָט אָבער געוויינט און וויינענדיק געשריגן: „ניין, ניין, ניין! איר וועט בײַ מיר גאָרנישט פּועלן, איך וועל גיכער גיין פון דער וועלט, איידער צו נעמען אַזאַ חײַציקל אַליין פאַר אַ מאַן".

— ווער איז דאָס דער חײַציקל אַליין? — האָבן איבערגעפרעגט די ווײַבער,

— דער חתן אירער? דוכט זיך, אַז ער הייסט גאָר אין גאַנצן אַנדערש.

— חײַציקל אַליין, — האָט זיך אָפּגערופן שלומקע אַפּיקורס מיט אַ טריומ־פירנדיקער מינע,, — דאָס איז אַ העלד, אַ גערויַ פון אײַזיק מאיר דיקס מעשה.

די ייִדן און די ייִדענעס האָבן זיך איבערגעקוקט, און זייער איבערקוקן זיך האָט באַטײַט: ער רעדט פון היץ, צי ער איז סתּם אַ חסר־דעה, אָט דער ייִד. וואָס קער זיך אָן אָט דער „גערויַ" פון אײַזיק מאיר דיקס מעשה מיט לייבוש קאַמינסקיס טאָכטער און מיט דעם שידוך, וואָס רב לייבוש וויל יאָ און זײַן בת־יחידה וויל נישט, און ס'איז איר ליבערשט צו גיין אין קבר אַרײַן, איידער צו דער חופּה?

דער „אַפּיקורס" האָט, ווײַזט אויס, פאַרשטאַנען דאָס איבערווינקען זיך און ער האָט נישט קיין סך געברײַעט און אָנגעהויבן צו דערציילן די מעשה מיט דעם נגיד, רב שמערל שיפער, און זײַן תּכשיט חײַציקל. ער האָט די מעשה געדענקט כּמעט וואָרט בײַ וואָרט און וואָלט זי זיכער דערציילט פון אָנהויב ביזן סוף, ווען ס'וואָלט זיך נישט דערהערט אַ מוראדיקער קוויטש, אַ שאַרף געוויין און דאָס געשריי פון רב לייבוש קאַמינסקי: „אַ דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר!"

גרשון דער משרת איז אַרויסגעלאָפן פײַל־אויס־בויגן, זיך דורכגעשלאָגן מיט די עלנבויגנס דורך די רעדעלעך ייִדן און ייִדענעס, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן הויז. משמעות, אַז די בת־יחידה האָט ווידער געחלשט און נאָר איין גאָט ווייסט, ווי די מעשה וועט זיך ענדיקן.

— די מעשה וועט זיך ענדיקן — האָט זיך אָפּגערופן בערל מלמד — מיט דעם, וואָס רב לייבוש וועט אויספירן זײַנס, און די חתונה וועט זײַן, ווי גאָט האָט געבאָטן און—פּטור.

— פון ווען אָן זענט איר עס אַזאַ חכם, רב בער? — האָט זיך געהיצט דער „אַפּיקורס". — לויט מען שמועסט, זענען מלמדים דווקא נישט פון די גאָר גרויסע חכמים. און אַז איר ווילט אײַך איבערצײַגן אויף קלאָר, גייט אַהיים און לייענט אײַך דורך דיקס „מעשה וועגן דעם מלמד ר' חײַקל יענטעס פון דער שטאָט פּינסק, וואָס איז געשוווּמען קיין אַמעריקע", און ס'וועט אײַך ליכטיק ווערן אין די אויגן.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, דער מלמד מיטן „אַפּיקורס" האָבן זיך געהיצט. דער מלמד האָט געשאָטן מיט פּסוקים און דער „אַפּיקורס" מיט גלײַכווערטלעך און מיט טײַטשעשע ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון דיקס מעשה־ביכלעך.



פון נחום שטיף די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור (קיִעוו 1929)

ווער ווייסט מיט וואָס די מלחמה וואָלט זיך געענדיקט. נאָר גראָד אין דער רגע, ווען ס'האָט שוין געהאַלטן ביי פּעטש, איז פאַרן הויז פאַרפאָרן אַ קאַרעטע און דער קריסטלעכער דאָקטאָר, אין אַ לאַנגן, שוואַרצן האַוועלאָק, איז אַרײַנ־געגאַנגען צו רב לייבוש קאַמינסקי אויף אַ וויזיט.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט פּלוצעם אַ פרעג־געטאָן אײַזיק מאיר דיק, וואָס איז גראָד פאַרבײַגעגאַנגען און געזען דאָס געזעמעל מיט ייִדן און ייִדענעס.

געפרעגט האָט ער איינעם, נאָר אָנגעהויבן צו דערציילן האָבן עטלעכע מיט אַ מאָל. יעדער האָט עפּעס געוווּסט, וואָס דער צווייטער האָט אָפּגעלייקנט, באַוויזן, אַז ס'איז פּונקט קאַפּויער. איז דוכט זיך גוט, קומט דער דריטער און זאָגט, אַז ער קאָן באַווײַזן מיט עדות, אַז ס'איז גאָר אַנדערש, ווי יענע ביידע האָבן געזאָגט.

דיק איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. ער איז געניטער. ער קען זײַנע ייִדן און ווייסט, אַז אויב ער וויל עפּעס געוווּיר ווערן, מוז ער אַלע לאָזן אויסרעדן, אויסטײַטשן, דרייען מיט די פינגער, און דערנאָך פון הונדערט ווערטער אויפכאַפּן איינס, אָבער אַ וויכטיקס. יעדעס וואָרט איז אַ שליסל צו עפּעס, אָבער נישט יעדער שליסל פּאַסט זיך צו יעדן שלאָס. מען דאַרף געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָס זאָל קלאָר מאַכן דעם ענין...

און ס'האָט נישט געדויערט קיין סך און ס'איז פאַר אים אַלץ געלעגן אויף דער האַנט. קלאָר ביז צום ווייטיק. פאַראַן נאָך אַ סך טונקעלע ווינקלען אין ייִדישן לעבן, וואָס נויטיקן זיך אין אַ תּיקון. אײַנרעדענישן און אָבער־גלויבענישן פלאַטערן אַרום ווי פלעדערמײַז און פילן זיך היימיש אויף דער ייִדישער גאַס. ער דערמאָנט זיך דאָס טשעקאַווע באַגעגעניש פון צוריק מיט עטלעכע וואָכן. ער איז אַהיימגעגאַנגען שפּעט בײַ נאַכט, און דורכגייענדיק דעם שולהויף האָט ער געזען, ווי ישראליק דער יתום דרייט זיך אַרום איינער אַליין איבערן שולהויף, און ער, אײַזיק מאיר דיק, וואָלט געקאָנט שווערן אַז ער האָט געזען די זילבערנע לאַטע, וואָס די לבנה האָט מעשה־חוזק צוגעלייגט צו דעם יתומס הויקער.

מילא אַ יתום — האָט ער דענסטמאָלט געטראַכט. ס'מאַכן זיך אַזעלכע זאַכן. טאַטע־מאַמע מוזן שטאַרבן. אַזוי איז דער סדר־העולם. אָבער צי יעדער יתום מוז זיך וואַלגערן אין שולהויף, דאָס איז שוין אַ קשיה. און צו וואָס טויג דער הויקער, איך בעט אײַך? כּדי די לבנה זאָל אויף אים לייגן איר חוזק־לאַטע?

אַזוי האָט דיק געטראַכט דענסטמאָלט און דאָס אייגענע טראַכט ער איצט. די חוזק־לאַטע אויפן ייִדישן הויקער ברענט און ייִדן פילן עס אַפילו נישט. זיי טראָגן דעם הויקער מיט גדלות ווי אַן אמתן יחוס־בריוו.

דער עולם איז זיך צוביסלעך פונאַנדערגעגאַנגען. יעדער אין זײַן וועג. און אײַזיק מאיר דיק האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז אײַגנטלעך האָט ער שוין

פון לאַנג באַדאַרפט צו זײַן אין ראַמס דרוקערײַ. ערשטנס האָט ער מיט זיך אַ שפּאָגל נײַע מעשה „דער װײַבערישער סוד". דער עולם װעט פון דער מעשה גאָר אַנקװעלן. און צװייטנס, צװייטנס װיל ער איבערשמועסן מיט איר, דער דרוקערין, דבֿורהקע, איר געבן צו פאַרשטיין אַז צװיי רובל פאַר אַ מעשה־ביכל איז צו װיניציק. — ס'טײַטש, װעט ער איר זאָגן, — דבֿורהקע, זאָלט איר מיר געזונט זײַן, מײַנע מעשה־ביכלעך לייענט מען, קיין עין־הרע, געשמאַק. מען רײַסט די קליינע ביכעלעך פון אמ"ד ממש פון די הענט, איז פאַרוואָס־זשע זאָל טאַקע דער מחבר נישט האָבן כאָטש דרײַ רובל פאַר אַ מעשה?

און אײַזיק מאיר דיק זעט שוין אין דמיון, װי די דאַזיקע ברייטע ייִדענע, מיט די קלוגע, שװאַרצע אויגן, ראַנגלט זיך מיט אים, װיל נישט אײַנגיין אויף זײַנע תּביעות, אָבער ס'װעט איר העלפן, װי אַ טויטן באַנקעס. װאָרום װאָס, אַ שטייגער, קאָן זי טאָן? אויפהערן דרוקן דיקס מעשיות? גייט שוין גייט. ייִדישע װײַבער װעלן האָבן פאַרשטערטע שבתים און דבֿורהקע װעט אָנװערן אַ נישקשהדיקן פּדיון, װאָס ביידע זאַכן — אַזוי טראַכט אײַזיק מאיר דיק, — קאָנען נישט געמאָלט זײַן. סײַדן ס'װעט זײַן באַשערט אַן אומגליק ר"ל.

דער שװאַרצער דאָקטאָר אין דער קאַרעטע איז פאַרבײַגעפאָרן. דיק האָט אים באַמערקט און ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, װאָס די ייִדן האָבן אים דערציילט װעגן לייבוש קאַמינסקי און זײַן טאָכטער. ס'איז נישט די ערשטע און נישט די לעצטע טראַגעדיע אין ייִדישן פאַמיליע־לעבן. אַ סך מאָל ענדיקט זיך אַזאַ סכסוך מיטן נצחון פון טאַטע־מאַמע, אָבער אין דעם פאַל איז פאַראַן די סכּנה, אַז אויב ר' לייבוש קאַמינסקי װעט נישט נאָכגעבן, זאָל דאָס יונגע מיידל גיין פון דער װעלט. דאָס חלשן אַלע װײַלע און דאָס מוזן אָנקומען אַלע מאָל צום דאָקטאָר, װײַזן באַשײַמפּערלעך אַז ס'קאָן זיך, חלילה, אויסלאָזן זייער, זייער שלעכט.

די פאַנטאַזיע פון דעם פופציק־יאָריקן מעשה־שרײַבער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן. ער האָט בפירוש געפילט, װי עס פּיקט זיך אויס אַ נײַע מעשה אַ מעשה, גענומען פונעם לעבן. „אַ מעשה שהיה, װאָס האָט פּאַסירט אין דער שטאָט אילון. פון דער מעשה קאָן אַ יעדער זען, סאַראַ אומגליק ס'איז אַ מאָל געשען מיט דער בת־יחידה פון רב לייבוש קאַמינסקי, װאָס װאָר װוּנדער־שיין".

אַזוי טראַכטנדיק און קלערנדיק, איז ער צוגעקומען צו ראַמס דרוקערײַ.

ער האָט איבערגעגעבן זײַן מאַנוסקריפּט און פאַרפירט אַ שמועס װעגן דעם און יענעם, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם ענין, װאָס האָט אים געקװעטשט, נעמלעך, אַז ער װיל פון הײַנט אָן פאַר אַ מעשה־ביכל דרײַ רובל, און נישט װי ביז איצטער צװיי. — כ'לעבן, — האָט ער געטענהט, — ס'איז נישט קיין יושר, אַ מחבר מוז אויך לעבן, בפרט, אַז מײַנע מעשה־ביכלעך שלינגט מען, װי האָלעשקעס...

דבורהקע די דרוקערקע האָט אויפגעעפנט מויל און אויערן: — ס'טייץ, — האָט זי געטענהט, — וואָש רעדט איר, ר' אײַזיק מאיר? צוויי רובל זענען שוין אויך צופיל. ווער האָט עס געהערט אַזוינס: דרײַ רובל פאַר אַ מעשה־ביכל? גייט סוין גייט. איר טרײַבט קאַטאָוועס.

ס'האָט איר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אײַזיק מאיר דיק האָט זיך אײַנ־געשפּאַרט און האָט אויסגעפירט זײַנס. זײַנע מעשה־ביכלעך האָבן שוין אַ שם. זיי זענען אי אינטערעסאַנט, אי באַלערנדיק, מיט קאַטאָוועסלעך און מיט ערנסט. מען קאָן זיי אי לייענען, אי לערנען פון זיי. לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן מיט אַ סך טייטשעשע ווערטער מיט דער כוונה, אז זײַן „טײַערע לעזערין" זאָל זיך אויסלערנען אַ ביסעלע „טײַטש".

די דרוקערקע האָט אים פאַר דעם נײַעם מעשה־ביכל באַצאָלט גאַנצע דרײַ רובל. אַ שטיק געזונט האָט עס איר געקאָסט, אָבער זי האָט באַצאָלט, און אײַזיק מאיר איז אַרויסגעגאַנגען האָפערדיק, צופרידן פון דעם נצחון. איצט וועט ער, ווי דער שטייגער, יעדע וואָך אָדער צוויי צושטעלן אַ נײַע מעשה און באַקומען מיט אַ רובל מער.

פאַרבײַגייענדיק אויף צוריק ר' לייבוש קאַמינסקיס הויז, איז ער שטיין געבליבן, זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, אָבער ער האָט גאָרנישט געהערט, ס'איז שוין געווען שטיל, גלײַך גאָרנישט געשען. אפשר, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — איז די טאָכטער שוין מסכּים צום שידוך און די חתונה וועט טאַקע זײַן מאָרגן, איבערמאָרגן, ווי טאַטע־מאַמע ווילן.

„ווי אַזוי ס'זאָל נישט זײַן, — האָט ער באַשלאָסן, — אין דער מעשה, וואָס איך וועל איצט שרײַבן, וועל איך זיי געבן אַ גאָב, אָט די דאָזיקע טאַטעס און מאַמעס. און די טאָכטער, די בת־יחידה, וועט אין מײַן מעשה חתונה האָבן דווקא מיט דעם, וואָס איר האַרץ באַגערט". ער האָט הנאה געהאַט פון דעם שפּיצל, וואָס ער גרייט זיך אָפּצוטאָן אין זײַן נײַער מעשה און מיט אײַליקע טריט איז ער אַהיימגעגאַנגען, כּדי זיך צו זעצן שרײַבן...